מאוצרות

# לקוטי שיחות

BEREISHIS בראשית

SELECTIONS FROM

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

# BEREISHIS | בראשית

*LIKKUTEI SICHOS,* VOLUME 15, P. 13FF.

Adapted from a *sichah* delivered on *Simchas Torah, 5732* [1971]

## Introduction

Any parent who has deliberated over the choice of a name for his or her child appreciates how significant names are. As the Maggid of Mezritch explains,[1] "People's names are not given coincidentally or as a result of the parents' desire to call the child by that name." Instead, "The Holy One, blessed be He, imparts wisdom and knowledge in the parents' hearts so that they give their child a name that reflects the source of his soul."

As the *Midrash* emphasizes,[2] the ability to give a name is a unique potential vested in mankind, a sign that man's wisdom surpasses that of the angels. However, as the Rebbe highlights in the *sichah* below, more than merely reflecting man's intellectual and spiritual capacities, this potential mandates a mission. By naming each one of the created beings, Adam enabled the spiritual source of that entity to be manifest within its physical being. As the Creation existed in its inherent state, there was no revealed connection between a created being in this physical world and its source Above. When G-d asked Adam to name the created beings, He entrusted him – and his descendants – with the mission of establishing such a connection and making it possible for all existence to reflect and express its inner G-dly nature and its spiritual source in G-d's light.

Nevertheless, the G-dly light that serves as the source for the existence of the created beings has undergone a process of self-contraction to adapt to the limits and structures of the natural order. Accordingly, merely connecting existence to that level of G-dly light does not represent the totality of man's purpose.

The world was created to be a dwelling for G-d, a place where His Essence is revealed, bonding material existence with Him as He transcends all definition. This reflects a far superior and encompassing bond with G-dliness than that with which Adam was charged. The mission to transform the world into such a dwelling was given to man at Sinai and is fulfilled through the Jews' study of the Torah and fulfillment of the *mitzvos*.

However, the mission given at Sinai augments but does not entirely eclipse or nullify Adam's mission. Implicit in the concept of a dwelling in the lower realms is that the created beings feel part of that dwelling as an expression of their own inner nature. Since the Torah is transcendent in nature, fundamentally above the world, were the world's connection to G-dliness to be established only through the Torah, that bond would not encompass the created beings as they exist within their own context. Therefore, the mission entrusted to Adam in Eden is still relevant to his descendants in the present age, for it enables the connection between G-d and the world to be internalized.

---

1. *Or Torah,* p. 4d.

2. *Bereishis Rabbah* 17:4.

# Giving a Name, Defining a Purpose

## Surpassing the Angels

The *Midrash* relates:[1]

**When the Holy One, blessed be He, approached the creation of man, He consulted the ministering angels.... They asked Him, "This man: What is his nature?"**

**He replied, "His wisdom surpasses yours."** To demonstrate this, G-d **brought** various types of **animals before** the angels... **and asked them, "What are their names?"** The angels **did not know** what to reply. G-d then **presented** the animals **to Adam and asked him, "What are their names?"** Pointing to each one, he **answered, "This is an ox; this is a donkey...."**

**How does Adam's ability to name all of the animals demonstrate his wisdom? *Shelah*[2] explains that the name of every entity** in the Holy Tongue **alludes to its** spiritual **source. Adam grasped the** spiritual **source of every created being and named it accordingly. This was a reflection of his wisdom, to quote *Shelah*: "By knowing** the created beings on this **lowly plane, he** was able to **know the mystical secret of the supernal chariots."[3] The Maggid** of Mezritch, **in his *Or Torah*,[4] elaborates,** explaining similar concepts in his **interpretation of the verse,[5] "Whatever Adam would call every living being, that was its name."**

א. עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[א]: "בְּשָׁעָה שֶׁבָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִבְרֹאת אֶת הָאָדָם נִמְלַךְ בְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת כו' אָמְרוּ לוֹ אָדָם זֶה מַה טִּיבוֹ אָמַר לָהֶם חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם. הֵבִיא לִפְנֵיהֶם אֶת הַבְּהֵמָה וכו' אָמַר לָהֶם זֶה מַה שְּׁמוֹ וְלֹא הָיוּ יוֹדְעִין הֶעֱבִירָן לִפְנֵי אָדָם אָמַר לוֹ זֶה מַה שְּׁמוֹ אָמַר זֶה שׁוֹר זֶה חֲמוֹר וכו'".

אִין וָואס בַּאשְׁטֵייט דִי חָכְמָה פוּן אָנְרוּפְן יֶעדֶע בְּהֵמָה וכו' מִיט אַ נָאמֶען - אִיז מְבֹאָר דֶער שַׁלָ"ה[ב]: אִין דֶעם נָאמֶען פוּן אַ זַאךְ אִיז מְרוּמָּז אִיר שׁוֹרֶשׁ; אוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען דֶעם מָקוֹר וְשׁוֹרֶשׁ פוּן יֶעדֶער בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, אוּן לוֹיט אִיר שׁוֹרֶשׁ הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיְין חָכְמָה, וָואס (בִּלְשׁוֹן הַשַּׁלָ"ה) "בִּידִיעַת הַתַּחְתּוֹנִים יָדַע סוֹד הַמֶּרְכָּבוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת" (אוּן וִוי דֶער מַגִּיד אִיז מַאֲרִיךְ בְּעִנְיַן הַשֵּׁם אִין אוֹר תּוֹרָה[ג] אוֹיפְן פָּסוּק[ד] "וְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָא לוֹ הָאָדָם נֶפֶשׁ חַיָּה הוּא שְׁמוֹ").

---

1. ***Bereishis Rabbah*** **17:4.**

2. **See *Shelah's* introduction to** the section entitled ***Beis HaMikdash*** **(p. 14a). See also** the commentaries of ***Ramban*** **and Rabbeinu Bachya on *Bereishis* 2:19; *Likkutei Torah, Vayikra*, p. 41c, *Bamidbar*, pp. 26b, 27a; *Or HaTorah, Bereishis*, Vol. 1, p. 542a; *Sefer HaMaamarim Kuntreisim*, Vol. 2, p. 430a, b; *et al.***

3. The prophets (*Yechezkel*, ch. 1, *Zechariah*, ch. 6) and the Sages (*Berachos* 21b, *Chagigah* 13a–14b, *et al.*) use the term "chariot" in reference to the camps of angels in the spiritual realms that carry the Divine throne.

4. ***Or Torah*****, p. 4b ff.**

5. ***Bereishis*** **2:19.**

Two points **require explanation:**

**a) The ability to comprehend the** spiritual **source of every entity** in this physical world **seemingly does not stem from an abundance of wisdom, for knowing "the mystical secret of the supernal chariots" does not depend on the abundance of one's wisdom, but rather on the refinement of one's powers of comprehension.**[6] **The more refined a person's abilities and the closer they are to the spiritual, the higher** the levels in the spiritual realms **the person can grasp.**

**b) How is it possible to assert that the angels did not know the names** of the entities in this material world? **According to the above explanation – that the knowledge** of the animal's names **depended on the knowledge of "the mystical secret of the supernal chariots," (i.e., the spiritual source of the created beings)** – the angels should have possessed this knowledge, because **the supernal chariots themselves comprise angels.** These angels **are the** spiritual **source of the animals in the physical world.** (It is **for this reason** that the prophets **describe** the angels **as animals.**[7]) **How** then **could it be that** the angels **did not know the names** of the animals in this world?

**One would be hard-pressed to pose the argument that since the angels are spiritual beings whose place is in the higher supernal worlds, they were not aware of what goes on in this earth and therefore did not know how to name the created beings in the material world.**[8] **Were that to have been true, their inability to name** the created beings **would have been considered**

**דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין:**

**א) מַשִּׂיג זַיְין דֶעם מָקוֹר אוּן שׁוֹרֶשׁ פוּן יֶעדֶער זַאךְ, אִיז לִכְאוֹרָה נִיט פוּן רִיבּוּי הַחָכְמָה. דִי יְדִיעָה אִינֶעם "סוֹד הַמֶּרְכָּבוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת" אִיז נִיט אָפְּהֶענְגִיק פוּן גוֹדֶל וְרִיבּוּי הַחָכְמָה, נָאר פוּן דֶער הִזְדַּכְּכוּת פוּן כֹּחוֹת הַהַשָּׂגָה[ד*] - וָואס מֶער זֵיי זַיְינֶען אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט אוּן נֶענְטֶער צוּ רוּחְנִיּוּת, אַלְץ הֶעכֶער דֶערְגְרֵייכְט דִי הַשָּׂגָה.**

**ב) ווִי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז דִי מַלְאָכִים הָאבְּן נִיט גֶעווּאוּסְט "מַה שְּׁמוֹ כו'" - וָואס לוֹיטְן בִּיאוּר הַנַּ"ל אִיז דִי יְדִיעָה אָפְּהֶענְגִיק פוּן דֶער יְדִיעָה פוּן "סוֹד הַמֶּרְכָּבוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת" (מְקוֹר וְשׁוֹרֶשׁ הַנִּבְרָאִים) - דִי מֶרְכָּבוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת זַיְינֶען דָאךְ מַלְאָכִים. דֶער שׁוֹרֶשׁ וּמָקוֹר פוּן דִי חַיּוֹת וּבְהֵמוֹת דִּלְמַטָּה - זַיְינֶען מַלְאָכִים (וָואס ווֶערְן דֶערְפַאר "נִקְרָאִים כו' בְּשֵׁם חַיּוֹת וּבְהֵמוֹת כו'"[ה]) - הַיְינְט ווִי קֶען זַיְין אַז זֵיי הָאבְּן נִיט גֶעווּאוּסְט "מַה שְּׁמוֹ כו'"?**

**אוּן ס'אִיז אַ דוֹחַק גָּדוֹל צוּ זָאגְן, אַז ווִיבַּאלְד זֵיי זַיְינֶען רוּחְנִיִּים אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ אִין עוֹלָמוֹת רוּחְנִיִּים, הָאבְּן זֵיי נִיט גֶעווּאוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין עוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי נִיט גֶעווּאוּסְט ווִי אָנְצוּרוּפְן דִי נִבְרָאִים שֶׁלְּמַטָּה מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען[ו] - ווַיְיל לְפִי זֶה**

---

**6. In particular, this is true based on the explanation given in several sources that through understanding and comprehending a concept, the knower, the knowledge, and the known concept are unified and united (*Moreh Nevuchim,* Vol. 1, ch. 68; *Tanya,* ch. 5; *et al.*).**

**7. See *Tanya,* the beginning of ch. 39.**

**8. See the commentary of *MaHaRZav* (R. Zaev Wolf Einhorn) on *Bereishis Rabbah, loc. cit.,*** which offers such an explanation.

**a virtue,** highlighting **their refinement and lofty spiritual level; it certainly would not have been considered a deficiency** (leading G-d to regard Adam's **wisdom as superior to theirs).**

נֶעמְט זִיךְ זֵייעֶר נִיט ווִיסְן נִיט מִצַּד אַ פְּחִיתוּת אִין זֵייעֶר מַעֲלָה ("חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם"), נָאר אַדְּרַבָּה, מִצַּד דֶעם עִילוּי פוּן זֵייעֶר אֵיידְלְקַיְיט אוּן רוּחְנִיוּת.

## Tilling the Garden

**The above can be resolved by prefacing the following** explanation: **Adam named the animals before the sin of the Tree of Knowledge, while he was in the Garden of Eden. At that time,** Adam **and all existence were in a state of perfection.** G-d **had placed** Adam **in the Garden of Eden for a purpose: "to cultivate it and guard it."[9] Accordingly, we can appreciate that everything Adam did at that time – particularly, every act that the Torah relates – was directed toward that purpose.**

**Furthermore, cultivating and tending a garden improves it. Similarly, Adam's cultivating and guarding the Garden of Eden infused it with a loftier level of holiness than that which it possessed previously.[10]**

**Explanation is called for: What is the** Divine **service involved in naming the created beings?** What did it accomplish, and in what way did it enhance the Garden of Eden? **According to the previous explanation, Adam did not bring about anything new by naming the created beings since they had received their life-force from their root and source even before he named them. Adam only *related* the correct name of every created being, in accordance with its source.**

ב. ווֶעט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין בְּהַקְדִּים:

קְרִיאַת הַשֵּׁמוֹת דוּרְךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַאר דֶעם חֵטְא עֵץ הַדַּעַת, ווֶען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין גַן עֵדֶן וּבִשְׁלֵימוּתוֹ - ווָאס דֶער זַיְין דָארְטְן (וַיַּנִּיחֵהוּ בְגַן עֵדֶן) אִיז גֶעוֶוען "לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ"[ז], אִיז דֶערְפוּן פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז יֶעדֶער פְּרַט פוּן זַיְינֶע מַעֲשִׂים דֶעמָאלְט, וּבִפְרַט דִי ווָאס וֶוערְן דֶערְצֵיילְט אִין תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען אַ חֵלֶק פוּן "לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ". נָאכְמֶער: אַזוֹי ווִי עֲבוֹדַת גַן וּשְׁמִירָתוֹ "טוּט" אוֹיף אִין דֶעם גַן - אַזוֹי הָאט דֶער "לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ" פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִין גַן עֵדֶן אוֹיפְגֶעטָאן אַן עִילוּי וּקְדוּשָּׁה אִין גַן עֵדֶן (הֶעכֶער ווִי דֶער עִילוּי פוּן גַן עֵדֶן מִצַּד עַצְמוֹ[ח]).

וְלִכְאוֹרָה: אִין ווָאס בַּאשְׁטֵייט דִי "עֲבוֹדָה" אִין דֶעם אָנְרוּפְן דִי נִבְרָאִים מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען? - וְאַדְּרַבָּה: לוֹיטְן בִּיאוּר הַנַּ"ל דַארְף לִכְאוֹרָה אוֹיסְקוּמֶען, אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט נִיט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען דִי שְׁמוֹת הַנִּבְרָאִים - ווַיְיל דִי נִבְרָאִים הָאבְן דָאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען זֵייעֶר חַיּוּת (פוּן זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ וּמָקוֹר) נָאךְ אֵיידֶער אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זֵיי אָנְגֶערוּפְן מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען; עֶר הָאט נָאר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דֶעם רִיכְטִיקְן נָאמֶען פוּן יֶעדְן נִבְרָא (בְּהֶתְאֵם צוּ זַיְין שׁוֹרֶשׁ).

---

9. *Bereishis* 2:15.

10. *Likkutei Torah, Shir HaShirim*, p. 48d, *et al.*

**Thus, it is necessary to say that:**

**a) grasping the root and source of the created beings'** vitality **is not sufficient to name them appropriately; and**

**b) only Adam could give the created beings their appropriate names because his wisdom surpassed that of the angels.**

מוז מען זאָגן: א) אַז די הַשָּׂגָה אין שׁוֹרֶשׁ וּמְקוֹר הַנִּבְרָאִים איז נאָך ניט גענוג אַז מ'זאָל דורכדעם זיי קענען אָנרופן מיט די צוגעפּאַסטע נעמען; ב) דאָס האָט געקענט אויפטאָן דַוְקָא אָדָם הָרִאשׁוֹן און דערפאַר ווייל ״חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם״.

## Linking Heaven and Earth

**To explain the above** in further detail:[11] **Every created being in this physical world has a source in the spiritual realms, as our Sages state,[12] "Every** single **blade of grass** in this world**… has a spiritual source**[13] that compels it to grow." **By way of illustration, the source of an ox in this earthly world is** the angel with **the face of an ox in the Divine chariot.[14] Nevertheless,** although **the created being** derives from that spiritual source, a physical animal **cannot at all be compared to its spiritual source.** The hierarchy of spiritual realms entails *hishtalshelus*, **a process of gradual chainlike descent from one level to another.** However, **no matter how many chainlike descents take place, a physical entity will not come into being from a spiritual source, for, as is well known,[15] bringing a material** entity **into being from its spiritual** source **can only be accomplished by G-d, through His omnipotence. Only G-d, Whose power is infinite, can make possible the radical transition** necessary **for physical entities to come into being from their source in the supernal spiritual realms.**

ג. דער בּיאור אין דעם[ט]:

הֲגַם אַז יעדער נִבְרָא לְמַטָּה האָט אַ מָקוֹר וְשׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה, וּכְמַאֲמַר רַזַ״ל[י] ״אֵין לְךָ כָּל עֵשֶׂב וכו' שֶׁאֵין לוֹ מַזָּל וכו'״ - וּלְדוּגְמָא: דער שׁוֹרֶשׁ פון אַ שׁוֹר לְמַטָּה איז פון ״פְּנֵי שׁוֹר״ שֶׁבַּמֶּרְכָּבָה - פונדעסטוועגן, האָט דער נִבְרָא קיין עֵרֶךְ ניט צו זיין שׁוֹרֶשׁ. וואָרום דורך הִשְׁתַּלְשְׁלוּת מִמַּדְרֵיגָה לְמַדְרֵיגָה, וואָס פאַר אַ רִיבּוּי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת ס'זאָל נאָר זיין, קען פון דעם רוּחְנִיוּת'דיקן שׁוֹרֶשׁ ניט נִתְהַוֶּה ווערן אַ דָּבָר גַּשְׁמִי. וּכְיָדוּעַ[יא] אַז די הִתְהַוּוּת הַגַּשְׁמִיּוּת פון רוּחְנִיּוּת איז נאָר בְּכֹחוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וואָס ער איז אַ כֹּל יָכוֹל, דערפאַר קען זיין דער ״דִּילּוּג״ - אַז פון רוּחְנִיּוּת'דיקן שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה זאָלן נִתְהַוֶּה ווערן נִבְרָאִים גַּשְׁמִיִּים.

---

**11. With regard to the explanations to follow as well as with regard to the question raised in the previous section, see *Likkutei Torah, Bamidbar, loc. cit., Likkutei Sichos,* Vol. 4, p. 1247.**

**12. *Bereishis Rabbah* 10:6; *Zohar,* Vol. I, p. 251a; *Moreh Nevuchim,* Vol. 2, ch. 10.**

13. The original uses the term *mazal*, which shares the same root as the term *nozel*, which means "flow." Every entity in this world has a *mazal*, spiritual source, through which Divine energy flows to it.

14. See *Yechezkel* 1:10.

**15. See *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 20; *Torah Or*, p. 90b; *Or HaTorah*, *Devarim*, Vol. 4, p. 1781ff.; *Derech Mitzvosecha, Mitzvas Achdus HaShem,* sec. 2; *Shoresh Mitzvas HaTefilah,* sec. 25ff.; *et al.***

**For this reason – since**[16] the physicality of **a created being is incomparable to, and** thus seemingly **unconnected to, its source** – simply **knowing,** for example, **that the source of an ox** on the material plane **is** the angel with the **face of an ox in the Divine chariot is not sufficient to give an ox on the material plane its name.**[17] It appears impossible to **associate one with the other.**

**This represented Adam's achievement, as indicated by the verse,**[18] **"Adam called** all the animals… **by name."** The Hebrew term for "call," *korei*, also connotes "call forth." Adam **called forth the name – the** spiritual **source – of the created being, and in doing so enabled it to be manifest within the** physical **being that was created from that source.**

אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי יְדִיעָה אַז דֶער שׁוֹרֶשׁ הַשּׁוֹר אִיז פוּן פְּנֵי שׁוֹר שֶׁבַּמֶּרְכָּבָה, נָאךְ נִיט מַסְפִּיק אַז מְ'זָאל קֶענֶען אָנְרוּפְן[יא]* דֶעם שׁוֹר לְמַטָּה מִיטְ'ן נָאמֶען שׁוֹר, וַוייל דֶער נִבְרָא הָאט נִיט קֵיין (עֶרֶךְ אוּן) חִיבּוּר צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ[יב].

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיפְטוּ פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן - "וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת"[יג]: עֶר הָאט "קוֹרֵא" אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם (שְׁמוֹ) שׁוֹרֶשׁ הַנִּבְרָא, אַז עֶר זָאל אַרָאפְּקוּמֶען אִין (וּבְתוֹךְ פוּן) דֶעם נִבְרָא וָואס וֶוערְט פוּן אִים בַּאשַׁאפְן.

## What Adam Accomplished

**This reflects the connection between** Adam's **naming** the created beings **and** the mission that G-d gave him when **"He placed him in the Garden of Eden to cultivate it and guard it."**

**As the Creation existed in its inherent state – even in the Garden of Eden, which represents the perfect state of the world (particularly, as the Garden of Eden existed before the Sin** of the Tree of Knowledge) **– there was no revealed connection between a created being in this** physical **world and its source Above.** True, **the holiness of the Garden of Eden was so overwhelming that it could not tolerate sin. However, that** holiness resulted from the revelation of **a** spiritual **light that was measured according to the limits of this material world.**

ד. דָאס אִיז אוֹיךְ דִי שַׁיְיכוּת צְווִישְׁן דֶעם עִנְיָן פוּן קְרִיאַת שֵׁמוֹת אוּן "וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן עֵדֶן לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ":

מִצַּד דֶער בְּרִיאָה אַלֵיין, אֲפִילוּ אִין גַּן עֵדֶן וָואס אִיז דֶער חֵלֶק הֲכִי מוּבְחָר אִין וֶועלְט (וּבִפְרַט - ווִי גַן עֵדֶן אִיז גֶעוֶוען לִפְנֵי הַחֵטְא), אִיז נִיטָא קֵיין גָלוּי'דִיקֶער פַארְבּוּנְד צְווִישְׁן אַ נִבְרָא לְמַטָּה מִיט זַיין שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה; מִצַּד דֶעם גוֹדֶל הַקְדוּשָּׁה וָואס אִיז דָא אִין גַּן עֵדֶן, קֶען עֶס טַאקֶע נִיט סוֹבֵל זַיין קֵיין חֵטְא, אָבֶער דָאס אִיז אַן אוֹר וָואס אִיז נָאר לְפִי עֶרֶךְ עוֹלָם הַזֶּה.

16. See *Tzafnas Panei'ach* on *Bereishis* 2:19.

17. See *Likkutei Sichos,* Vol. 39, p. 137, 139ff. (published in *Likkutei Biurim LeTanya,* Vol. 2, p. 139ff.) with regard to the wording of the Alter Rebbe in *Iggeres HaTeshuvah,* ch. 4, "Therefore, the angels are called *E-lokim.*"

18. *Bereishis* 2:20.

**The uniqueness** of the ability that **Adam** was granted was expressed in his mission **to link**[19] **the created beings as they exist in this world with their supernal source.**[20] **Indeed, he was able to unite these two extremes to the extent that the names of all created beings as they are referred to by all people (even by children and ordinary people) would express the letters** that represent **their spiritual source.**[21]

אוּן אִין דֶעם אִיז בַּאשְׁטַאנֶען דִי מַעֲלָה פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן - עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטָאן דֶעם פַארְבּוּנְד[יד] צְווִישְׁן נִבְרָאִים לְמַטָּה מִיט זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה[טו], נָאכְמֶער: עֶר הָאט זֵיי פַארְאֵיינְצִיקְט, בִּיז אַז דֶער נָאמֶען פוּן יֶעדֶער נִבְרָא, מִיט וֶועלְכְן דֶער נִבְרָא וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דוּרְךְ יֶעדְן מֶענְטשְׁן (אֲפִילוּ קְטַנִּים וְעַמֵּי הָאָרֶץ) דָא לְמַטָּה, אִיז לוֹיט דִי אוֹתִיּוֹת פוּן זַיְין שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה[טז].

## Beyond the Capacity of an Angel

**On this basis, we can understand why Adam possessed the capacity to name** the animals **whereas the angels did not. The angels recognized** the spiritual source of each of the animals. They knew, **for example, that the source of an ox is** the angel with the **face of an ox in the Divine chariot.**[22] **Nevertheless,** the angels **did not have the ability to bring about a bond between a created being's** spiritual **source and its existence on this physical plane.**

To refer to a related concept: On the verse,[23] **"The** ***nefilim*** **existed on the earth,"** it is explained that the word *nefilim* has the same three-letter root (נפל) as the word *nofeil*, "fall." The *nefilim* were angels that had fallen from their spiritual rung.[24] **For when an angel comes into this material world, he "falls": he cannot overcome the material**

ה. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דַוְקָא אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעקֶענְט גֶעבְּן דִי שֵׁמוֹת אוּן נִיט דִי מַלְאָכִים:

הֲגַם אַז אוֹיךְ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן דֶעם שׁוֹר, לְדוּגְמָא, אִיז פוּן פְּנֵי שׁוֹר שֶׁבְּמֶרְכָּבָה, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זַיְינֶען זֵיי נִיט בְּכוֹחַ צוּ אוֹיפְטָאן דֶעם חִיבּוּר פוּן שׁוֹרֶשׁ הַנִּבְרָא מִיטְן נִבְרָא לְמַטָּה. וּכְמוּבָן אוֹיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן[יז] פוּן "הַנְּפִילִים הָיוּ בָאָרֶץ"[יח], אַז וֶוען אַ מַלְאָךְ קוּמְט אַרָאפּ אִין עוֹלָם הַזֶּה וֶוערְט עֶר אַ "נוֹפֵל", עֶר קֶען נִיט בַּיְיקוּמֶען דִי יֵשׁוּת וְחוּמְרִיּוּת פוּן דֶער וֶועלְט; וַוייל צוּ זַיְין אִין וֶועלְט אוּן צוּזַאמֶען דֶערְמִיט זַיְין פַארְבּוּנְדְן מִיט אֱלֹקוּת וָואס אִיז

---

**19. See** ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **pp. 26b, 27a (quoting** ***Taamei HaMitzvos, Parshas Eikev*****) explaining that** Adam's **naming the created beings was intended to refine them and elevate them to their source** in the spiritual realms**.**

**20. See** ***Likkutei Torah, loc. cit.,*** **p. 26b,** which explains that naming the created beings enabled them to **"reach the** supernal **source and root of the letters."** As explained in *Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah*, ch. 1. G-d created the world through speech and the letters of the Ten Utterances comprise the life-force for all the created beings. In particular, the name of an entity in *Lashon HaKodesh*, the Holy Tongue, conveys the Divine life-force for that given entity.

**21. As** ***Shelah, loc. cit.,*** **states: "Through the knowledge of** the created beings of **the lower realms,** Adam **knew the mystic secret of the supernal chariot."**

22. See *Yechezkel* 1:10.

**23.** ***Bereishis*** **6:4.**

**24.** ***Zohar,*** **Vol. I, pp. 37a, 58a,** ***et al.*** **See** ***Torah Or,*** **p. 4d;** ***Toras Chayim, Bereishis,*** **p. 25c.**

**orientation of this world. An angel does not have the capacity to live *in* the world and** simultaneously **be connected with G-dliness, which *transcends* the world.**[25]

That capacity is granted specifically to **man.**[26] ***Adam,*** Hebrew for **"man", relates to the phrase**[27] ***Adameh leElyon,* "I resemble the One Above;" i.e.,** man **resembles G-d, Who is** absolutely **without limits.** Man **is made up of** spiritual and material elements, i.e., from both **"the higher realms and the lower realms."**[28] He **thus has the capacity to unite the higher realms with the lower realms,** enabling **a created being of this material plane to unite with the higher realms, his source Above.**

This is the intent of the wording in which the *Midrash* couches **G-d's reply to the angels, "His wisdom surpasses yours."** Adam is described as "wise." Our Sages define that term, saying,[29] **"Who is a wise man? One who sees what will be," which the Alter Rebbe interpreted**[30] **to mean "One who sees how every entity comes into being… through G-d's speech." A wise man sees how** every entity in this physical world **comes into existence from its** supernal **source** in **G-d's speech.**

Herein lies the difference between man and the angels. **The wisdom of the angels enables them to see G-d's power as it is enclothed in the created beings. However, it is beyond their capacity to see the source** for the power in he manner **exists in the higher realms as manifest within the created beings.**[31] **Adam, in contrast,**

הֶעכֶער פוּן וֶועלְט - דִי יְכוֹלֶת הָאט נִיט אַ מַלְאָךְ.

דַוְקָא אַן אָדָם[יט], וָואס אִיז (אָדָם פוּן לָשׁוֹן) אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן[כ] - עֶר אִיז דוֹמֶה, כִּבְיָכוֹל, צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נִיט מוּגְבָּל חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אִיז כָּלוּל "מִן[כא] הָעֶלְיוֹנִים וּמִן הַתַּחְתּוֹנִים"[כב] - קֶען עֶר מְחַבֵּר זַיְין "עֶלְיוֹן" וְ"תַחְתּוֹן", אַז דֶער "תַּחְתּוֹן" וְנִבְרָא שֶׁלְּמַטָּה זָאל זַיְין מְיוּחָד מִיטְן "עֶלְיוֹן" וְשָׁרְשׁוֹ לְמַעְלָה.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט דִי מַלְאָכִים, אַז "חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם": עֶר אִיז דֶער "(אֵיזֶהוּ) חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד"[כג], וִוי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי[כד] פַּארְטַיְיטְשְׁט עֶס - "שֶׁרוֹאֶה כָּל דָּבָר אֵיךְ נוֹלָד וְנִתְהַוָּה כו' בִּדְבַר ה'", עֶר זֶעט דִי הוֹלָדָה וְהִתְהַוּוּת פוּן דֶער זַאךְ, וִוי אַזוֹי דָאס וֶוערְט נוֹלָד וְנִתְהַוֶּה פוּן זַיְין שׁוֹרֶשׁ אוּן דְּבַר הֲוָיָ'; מַלְאָכִים זֶעעֶן (בְּכֹחַ חָכְמָתָם) דֶעם כֹּחַ אֱלֹקִי וָואס אִיז מְלוּבָּשׁ אִין נִבְרָאִים, אָבֶּער זֶעעֶן[כד*] אִין דֶעם נוֹלָד זַיְין שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה - אִיז נִיט בְּגֶדֶר פוּן אַ מַלְאָךְ. דַוְקָא אָדָם הָרִאשׁוֹן, וָואס

25. Needless to say, different concepts apply when an angel enters this world merely to carry out a mission with which he is charged from Above.

26. See *Likkutei Torah, loc. cit.; Toras Chayim*, *Shmos,* Vol. 1, p. 139a; *Or HaTorah*, *Bereishis,* Vol. 3, p. 542a.

27. *Yeshayahu* 14:14, interpreted as referring to man's capacity by ***Shelah, Chelek Torah Shebichsav,*** **p. 301b, *et al.; Asarah Maamaros,* the *maamar* entitled *Eim Kol Chai,* sec. 2, ch. 33, and others.**

28. *Bereishis Rabbah* 8:11, 12:8, *Rashi* to *Bereishis* 2:7. See *Sefer HaArachim Chabad,* Vol. 1, *erech Adam* (p. 124ff.), where this concept is explained.

29. *Tamid* 32b.

30. *Tanya,* ch. 43; *Likkutei Torah, Bamidbar* 26d; *et al.*

31. **As is well known, there is a difference between someone who "*sees* what will be" and one who "*knows* what will be."** Sight makes a deep impression on the observer, as reflected in the ruling (***Rosh HaShanah*** **26a), "A witness (one who saw) cannot serve as a judge"** in

**"whose wisdom surpassed theirs," had the capacity to see how the created beings below are united with their source Above.**[32]

{**This** explanation **above also clarifies why G-d did not merely *tell* the angels that Adam's wisdom surpasses theirs. They had to actually have Adam's naming of the created beings demonstrated to them, so that they would see that it was** indeed **possible to join the higher realms with the lower realms. The possibility** of such a union **was beyond the angels' comprehension. Until they were shown that Adam had the capacity to accomplish this, they could not even fathom such a notion.**

"חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם", הָאט גֶעקֶענְט זֶען אִין דֶעם נִבְרָא שֶׁלְּמַטָּה (ווִי עֶר אִיז מְיוּחָד מִיט) דֶעם שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה.

[דֶערְמִיט אִיז אוֹיךְ מוּבָן פַארְוָואס פַאר דִי מַלְאָכִים אִיז נִיט גֶעוֶוען גֶענוּג וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז "חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִשֶּׁלָּכֶם", אוּן מְ'הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט בַּאוַוייְזְן (זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט זֶען) אַ מַעֲשֶׂה בְּפוֹעַל (קְרִיאַת שֵׁמוֹת) - וַוייְל אַזַא עִנְיָן (וָואס אִיז דָא בַּיְים אָדָם) ווִי חִיבּוּר עֶלְיוֹן וְתַחְתּוֹן, אִיז אִינְגַאנְצְן נִיט בְּגֶדֶר הַשָּׂגָה פוּן אַ מַלְאָךְ - כָּל זְמַן מְ'הָאט זֵיי נִיט בַּאווִיזְן ווִי דֶער אָדָם טוּט דָאס אוֹיף, הָאט זִיךְ דָאס בַּא זֵיי נִיט גֶעקֶענְט אָפְּלֵייגְן].

## From Adam to Sinai

**As explained on many occasions,**[33] **the *Midrash* states**[34] **that, before the Torah was given, there was a** Divine **decree** separating the spiritual and the physical; **"the higher realms will not descend to the lower realms," and "the lower realms will not ascend to the higher realms." At the Giving of the Torah, this decree was nullified and a connection between the higher realms and the lower realms** – the spiritual and the physical – **was established.**

**From this it is apparent that Adam's** naming of the animals was merely a preliminary

ו. מְ'הָאט שׁוֹין פִיל מָאל גֶערֶעדְט[כה] וֶועגְן דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[כו], אַז פַאר מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה אַז "עֶלְיוֹנִים לֹא יֵרְדוּ לְתַחְתּוֹנִים" אוּן "תַּחְתּוֹנִים לֹא יַעֲלוּ לְעֶלְיוֹנִים", אוּן בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דִי גְזֵירָה אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ חִיבּוּר פוּן עֶלְיוֹנִים אוּן תַּחְתּוֹנִים.

דֶערְפוּן אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז הֲגַם אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט קוֹרֵא אוּן מַמְשִׁיךְ

---

that particular case.

The angels have the capacity to realize, to "know," that every material entity has a spiritual source. However, they see the life-force from that spiritual source as it descends, undergoes self-limitation, and enclothes itself in a material entity. From their perspective, once it has undergone this radical change, the material existence of the entity takes priority. They cannot "see" the spiritual life-force in the material entity.

As the main text proceeds to state, Adam "saw" the spiritual life-force within every material object. An object's spiritual source and its material existence were not discrete entities.

32. As explained in the previous note, in contrast to the angels, Adam – man – has the ability to enable the spiritual source of every entity to be manifest in – and to overshadow – its material existence, empowering its spiritual identity to be manifest on this material plane.

**33. See *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 776ff., p. 887ff., *et al.***

**34. *Midrash Tanchuma, Parshas Va'eira,* sec. 15; *Shmos Rabbah* 12:3.**

step. **True, he evoked and drew down the spiritual source of the created beings to this material plane, connecting the two to the extent that the created being's name on this plane is representative of its source Above. (And as a consequence, a similar fusion** was brought about **in** every **created being.)** Even so, this achievement **is not comparable to the extent of the connection between the spiritual and the physical that was brought about by the nullification of** G-d's **decree at the Giving of the Torah.**

**To explain: Adam succeeded in connecting created beings with their** spiritual **source,**[35] **the G-dly light that shares a connection to the** physical **world.**[36] **This level of light had already adapted itself** to the extent that it serves **as the source of a given type of created being.** For example, **Adam connected an ox on this physical plane with** the angel with **the face of an ox in the Divine chariot.**

**The Giving of the Torah, however, brought about** a greater spiritual development, as alluded to in the words with which the Ten Commandments begin, ***Anochi Havayah Elokecha,*** **"I am G-d, your L-rd."**[37] ***Havayah*** is the four-letter name of G-d associated with the G-dly light that **entirely transcends the structures of the world, being past, present, and future as one.**[38] *Elokecha* is the possessive form of G-d's name *Elokim*, the name of G-d that has the same numerical value as *hateva*, "nature." *El*, the root of *Elokim*, is also associated with the concept of strength. At the Giving of the Torah, ***Havayah*** – the G-dliness that transcends

גֶעוואָרן דֶעם שׁוֹרֶשׁ פוּן נִבְרָאִים לְמַטָּה אוּן הָאט זֵיי מְחַבֵּר גֶעוועֶן אִין אַן אוֹפֶן אַז דֶער שֵׁם הַנִּבְרָא לְמַטָּה אִיז מַתְאִים צוּ זַיְין שׁוֹרֶשׁ לְמַעְלָה (וּבְמֵילָא - מֵעֵין זֶה - אוֹיךְ דֶער נִבְרָא עַצְמוֹ) - קוּמְט עֶס אָבֶּער נִיט צוּם חִיבּוּר צְווִישְׁן מַעְלָה וּמַטָּה וואָס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן דוּרְךְ בִּיטוּל הַגְזֵירָה בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה.

וְהַבִּיאוּר: אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אוֹיפְגֶעטָאן דֶעם חִיבּוּר פוּן נִבְרָאִים מִיט זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אוּן מָקוֹר[כז]; דָאס הֵייסְט דִי בְּחִינָה אִין אֱלֹקוּת וואָס הָאט שׁוֹין אַ שַׁיְיכוּת מִיט וועֶלְט, אוּן נָאכְמֶער, ווִי דִי בְּחִינָה אִיז שׁוֹין דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּנֶעם פְּרָטִיּוּת'דִיקְן נִבְרָא - דֶעם שׁוֹר לְמַטָּה הָאט עֶר מְחַבֵּר גֶעווֶען מִיטְן פְּנֵי שׁוֹר שֶׁבְּמֶרְכָּבָה.

מַתַּן תּוֹרָה הָאט אָבֶּער אוֹיפְגֶעטָאן "(אָנֹכִי) הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ": "הֲוָיָ'", וואָס אִיז אִינְגַאנְצְן הֶעכֶער פוּן גִּדְרֵי הָעוֹלָם (הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה כְּאֶחָד[כח]), אִיז גֶעוואָרְן

35. The main text emphasizes that Adam was only able to connect the created beings to the level of G-dliness from which they derived and not to the higher levels of G-dliness that transcend the natural order. There is a further point: **The connection** that Adam established **did not reach the actual physicality of the created entity (only its name).**

**These two concepts are interdependent: Since** Adam **drew down only the** level of G-dliness that serves as a **source for the created being, it did not have the capacity to permeate the actual physicality of the created entity. See *Likkutei Sichos,* Vol. 3, *loc. cit.,* and Vol. 5, p. 88, *et al.***

36. In Kabbalistic terms, this refers to the G-dly light that is *memale kol almin*, "permeating all the worlds," a level of Divine light that is not representative of G-d in His infinity, but which has adapted itself to the structures and limitations of the Spiritual Cosmos.

37. *Shmos* 20:2.

38. ***Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah,* ch. 7, in the name of the *Raya Mehemna* (*Parshas Pinchas,* p. 257b).**

the world – **became *Elokecha,* "your *Elokim,*" the strength and vitality of every Jew.**[39] **This forged a connection between** two vastly different elements: **the sublime level of G-dliness that transcends serving as a source for the world's existence became connected with the** physical **world** and its nature.

**Therefore, at the Giving of the Torah,**[40] **the angels had difficulty accepting this further** strengthening of **the fusion of the spiritual realms and the material world. Thus, the Talmud relates that** at the Giving of the Torah the angels again **protested:**[41]

> **"The hidden treasure… You desire to give it to flesh and blood? 'What is man that You should remember him?'…**[42] **'Place Your glory upon the heavens.'"**[43]

The angels could not comprehend how **the Torah – the ultimate of spiritual perfection – could descend and be given to mere flesh and blood.** G-d instructed Moshe to respond to the angels, because **it was Moshe our teacher who was capable of comprehending the concept of the Giving of the Torah** – at which time **the decree separating the spiritual realms from the physical was nullified – enabling** the two **to ultimately be unified as one.**[44]

"אֱלֹקֶיךָ" - כּוֹחֲךָ וְחַיּוּתְךָ פוּן יֶעדְן אִידְן[כט]. און דוּרְכְדֶעם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטָאן דֶער חִיבּוּר צְוִוישְׁן אֱלֹקוּת וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן (צוּ זַיְין אַ שׁוֹרֶשׁ פוּן) וֶועלְט מִיט וֶועלְט.

און דֶערְפַאר גֶעפִינְט מֶען, אַז בַּיי מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וִוידֶער נִיט גֶעקֶענְט בַּאנֶעמֶען אַזַא עִנְיָן פוּן חִיבּוּר מַעְלָה און מַטָּה, וְוִי דִי גְמָרָא[כט*] דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטַעֲנָה'ט: "חֲמוּדָה גְנוּזָה וכו' אַתָּה מְבַקֵּשׁ לִיתְּנָהּ לְבָשָׂר וָדָם מָה אֱנוֹשׁ גו' תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם": וִויבַּאלְד תּוֹרָה אִיז תַּכְלִית הָרוּחְנִיּוּת וְהָעִילּוּי, וְוִי קֶען זִי אַרָאפְּקוּמֶען און גֶעגֶעבְּן וֶוערְן צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם? דַוְקָא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעקֶענְט "נֶעמֶען" דֶעם עִנְיָן פוּן מַתַּן תּוֹרָה, דֶעם בִּיטּוּל הַגְּזֵירָה צְוִוישְׁן עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים, בִּיז זֵיי וֶוערְן אֵיין זַאךְ[ל].

39. **See *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 15d; *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 890ff.**

40. I.e., just as the angels protested at the creation of man, so too did they protest at the Giving of the Torah.

41. ***Shabbos* 88b.**

42. *Tehillim* 8:5.

43. *Ibid.,* verse 2.

44. **Since** Moshe himself **was also a created being, his answer** to the angels **was effective in causing them to understand and "see"** the need for the Torah to have been given to mortals. **Had G-d been the one to reply to them, the answer would not have been as effective; He therefore instructed Moshe to answer them.**

